**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/16/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול, ניו יארק סיטי ביזנעס פירער און דיסטריקט אטערניס שטיפן פאר שטערקערע דיסקאווערי געזעצן צו קעמפן ארגעניזירטע ריטעיל רויבעריי**

**לארסעני קעיס אפווארפונגען געטאפלט אין ניו יארק סיטי פון 2019-24 נאכפאלגענדיג די אריבערפירונג פון דיסקאווערי רעפארמען**

**גאווערנער'ס פארשלאג צו פארשנעלערן דיסקאווערי פראצעס וועט ענדיגען פראצעדורישע אפהאלטונגען און פארמיידן אוטאמאטישע ארויסווארפונגען פון ריטעיל רויבעריי קעיסעס**

***די פארשלאג בויט אויף גאווערנער האקול'ס פונקט פלאן צו באקעמפן ארגאניזירטע ריטעיל רויבעריי***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) איז היינט געשטאנען מיט ביזנעס פירער און דיסטריקט אטערניס צו רופן פאר וויכטיגע טוישונגען צו ניו יארק'ס דיקאווערי געזעצן וועלכע וואלט אמענדירט רעפארמען דורכגעפירט אין 2019 און דינען אלץ נאך א מיטעל צו באקעמפען ריטעיל רויבעריי. די גאווערנער'ס לעצטיגע שטופ בויט אויף איר באמיונגען צו אוועקשטעלן נייע באשיצונגען אקעגען ארגענעזירטע ריטעיל רויבעריי וועלכע זענען אינטערגעשריגן געווען אין געזעץ מיט די פיסקאלע יאר 2025 איינגעפירטע בודשעט אלץ טייל פון איר פינף-פונקט פלאן צו קעמפן די פארברעכן.

"ריטעיל רויבעריי דראט פובליק זיכערהייט און טרייבט ארויף קאסטן פאר אלע ניו יארקער," **גאווערנער Hochul (האקול) האט געזאגט.** "איך בין געווען קלאר זייט די ערשטע טאג: איך וועל נישט אויפהערן צו שלאגן צו אריבערפירן א סטעיט בודשעט וועלכע פריאריטיזירט צוגענגליכקייט און הויפט פובליק זיכערהייט מאסנאמען. אונז קענען נישט ערלויבן לעכער אין אונזער דיסקאווערי געזעצן צו שאטן די פארשריט אונז האבן געמאכט אין באקעמפן ארגעניזירטע ריטעיל רויבעריי און איך בלייב פארליכטעט צו פאראויסריקן הויפט טוישונגען צו דיסקאווערי געזעצן צו האלטן פארברעכער פאראנטווארטליך."

אין 2024, גאווערנער Hochul (האקול) האט אינטערגעשריבן אין געזעץ א הויפט באשטיינדעל פון איר [פינעף-פונקט פלאן צו באקעמפן ארגאניזירטע ריטעיל רויבעריי]. די באשיצונגען נעמען אריין מער פון 40 מיליאן דאלאר פאר באשטימטע ריטעיל רויבעריי טיעמס אינערהאלב סטעיט פאליציי (State Police), דיסטריקט אטארניס' אפיסעס און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג געווידמעט צו קעמפן ארגאניזירטע ריטעיל רויבעריי. די פלאן שטעלט אויך אהער א [5 מיליאן דאלאר שטייער קרעדיט] צו העלפן קליינע ביזנעס אייגענטומער אינוועסטירן אין צוגעלייגטע סעקיוריטי מאסנאמען, א שטייגער ווי קאמעראס, און געהעכערטע קרימינאלע שטראפן פאר סיי ווער עס פאלט איבער א ריטעיל ארבעטער דורך עס הייבן פון א מיסדימיניאר צו פעלאני.

אן טוישונגען צו ניו יארק סטעיט'ס דיסקאווערי געזעצן, באמיהונגען צו אינטערברענגן ארגענעזירטע רויבערייי און אראפ טרייבן פארברעכן איבער די סטעיט וועלן נישט נאכקומען זייער געפלאנטע צילן. אין ניו יארק סיטי, די צאל לארסעני דיסמיסעל האט זיך געטאפלט פון 3,385 אין 2019 צו 7,168 אין 2024. אין 2024, 25 פראצענט פון אלע לארסעני ארעסטען אין ניו יארק סיטי זענען געווארן ארויסגעווארפן, ארויף סיגניפיש פון 14 פראצענט אין 2019.

**מאנהאטען דיסטריקט אטערני Alvin Bragg (District Attorney) (אלווין ברעג) האט געזאגט,** "מאנהאטען איז די ריטעיל הויפטשטאט פון די וועל און אונזער אפיס טוט באקעמפען ריטעיל רויבעריי און אנקלאגען די וועלכע טוהן איין טוהן די קרימינאלע אקטיוויטעטן. באדייענטפולע טוישונגען אויף דיסקאווערי וואלט געגאנגען א ווייטע וועג אין אדרעסירן צוריקפאלונג אין די ארט און איך דאנק מאנהאטען'ס געוואלדיגע ביזנעסער און גאווערנערע Hochul (האקול) פארן אדוואקירן פאר קאמאן סענס דיסקאווערי פארעכטונגען וועלכע פארזיכערן אונזער קרימינאלע גערעכטיגקייט סיסטעם איז גלייך, עפיציענט, און האלט ניו יארקער פארזיכערט."

**ברוקלין דיסטריקט אטערני Eric Gonzalez (עריק גאנזאלעס) האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר צו גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר פירערשאפט און די לעגיסלאטור פארן זיך פארבינדען דירעקט מיט פראקורן צו פארשטיין די עכטע-וועלט ווירקונג פון די יעצטיגע דיסקאווערי געזעץ. די רעפארמען זענען געמאכיט געווארן צו פארזיכערן גלייכקייט פאר מענטשן באשולדיגט מיט פארברעכנס, אבער אין פראטיק, אונז האבן געזעהן ערנסטע פעלער ארויסגעווארפן צוליב מינדערוויכטיגע טעכנישע דיסקאווערי וויאלאציעס וועלכע טוהן נישט פרעדשודיס די פארטיידיגונג. די גאווערנער און לעגיסלאטיווע פירער האבן געוויזן א שטארקע פארפליכטונג צו ארבעטען מיט אונז אויף א לעזונג וועלכע באשיצט די רעכטן פון די באשולדיגטע ווען פארזיכערענדיג אז די געליטענע ווערן נישט צוריקגעהאלטן גערעכטיגקייט. איך בין קאנפידענט אז אונז וועלן אנקומען צו אן אפמאך וועלכע וועט האבן די ריכטיגע באלאנס."

**קווינס דיסטריקט אטערני Melinda Katz (מעלינדא קעץ) האט געזאגט,** "איך דאנק גאווערנער Hochul (האקול), אסעמבלי ספיקער Carl Heastie (קארל היעסטי) און סענאט מאיאריטעט פירער Andrea Stewart-Cousins (אנדריע סוטטארט-קאזינס) פארן טרעפן געמיינזאמע גרונט אויף ניו יארק'ס דיסקאווערי געזעצן. טויזענטע קעיסעס זענען געווארן ארויסגעווארפן לענגאויס די סטעיט פאר טעכנישע וויאלאציעס פון די דיסקאווערי שטאטוט - און קאמען סענס האט אונז געזאגט אז עס מוז זיך טוישן. די טוישונגען וועלן אנהאלטן די רעכטן פון די באשולדיגטע ווען העלפענדיג פארבעסערן פובליק זיכערהייט און באשיצן געליטענע. ניו יארק האט די מערסט דורכזיכטיגע דיסקאווערי געזעצן אין די פאראייניגטע שטאטן און די טוישונגען וועלן פארזיכערן די דעזיגנאציע."

**ריטשמאנד קאונטי דיסטריקט אטערני Michael McMahon (מייקעל מקמאהאן) האט געזאגט,** "ווי מערסטנס ניו יארקער, איך גלייב אז א באשולדיגטע'ס שילד אדער אומשילד זאל ווערן באשלאסן אויף די מעריטס פון די קעיס, נישט אויף טעכנישע דעטאלן און לעכער. די באדויערליכע ריאליטעט איז אז ניו יארק סטעיט'ס יעצטיגע ריקאווערי געזעצן ערלויבן פול צו פול טרייבער פון פארברעכן, אריינגערעכנט ריטעיל רויבעריי צוריקפאלן, דאמעסטישע אביוזער און מער ערנסטע פארלעצער, צו אנטלויפן פון נאכפאלגן פאר זייער קרימינאלע שריט ווען טויזענטע מיסדעמינארס ווערן ארויסגעווארפן איבער אונזער סטעיט צוליב מינדערוויכטיגע און אומרעלעוואנטע פאפירן פראבלעמען. די ריאליטעט רויבט געליטענע, איבערלעבער און זייער פאמיליעס פון אמאל באקומען גערעכטיגקייט און באשילדיגער פון ווערן געהאלטן פאראנטווארטליך פאר זייער פארברעכן אין די געריכטצימער. דעס געזאגט, אונז גלייבן אז עס איז דא ליכטיגקייט ביים עק פון די טונעל, און אז טויש קומט. גאווערנער Hochul'ס (האקול) פארגעשלאגענע אמענדירונגען צו אונזער דיסקאווערי שטאטוטן שטעלט צו א קאמאן סענס וועג פאראויס וועלכע וועט צוריקשטעלן פאראנטווארטליכקייט אין אונזער קרימינאלע גערעכטיגקייט סיסטעם ווען נאכאלץ אנהאלטן ניו יארק סטעיט'ס דיסטינקטיווע פאזיציע אלץ האבן די מערסט אפען און דורכזיכטיגע דיסקאוורי געזעצן

אין די פאלק. ווען סטעיט בודשעט פארהאנדלונגען גיין פאראויס, איך קאמענדיר גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר מיטארבעט און פארפליכטונג צו פארשטערקערן די פובליק זיכערהייט, און צו ספיקער Heastie (היעסטי) און פירער Stewart-Cousins (סטווארט קאזינס) פאר זייער ווייליגקייט צו זיצן מיט אונז מיט א געמיינזאמע ציל פון פארבעסערן א גוט-כוונה אבער פעלערדיגע געזעץ."

**מאנהעטען טשעמבער פון קאמערס (Chamber of Commerce) פרעזידענט און CEO Jessica Walker (דשעסיקא וואלקער) האט געזאגט,** "ריטעיל רויבעריי איז אן ערנסטע דראונג צו סטארפראנט ביזנעסער אין ניו יארק. קאמאן-סענס דיסקאווערי רעפארם וועט העלפן פארזיכערן ווידער פארלעצער באקומען גערעכטיגקייט און זענען נישט פריי צו לאקערן אויף די זעלבע געשעפטן טאג נאך טאג. עס קומט זיך פאר קאסטאמער און איינגעשטעלטע צו זיין פארזיכערט."

**Noir et Blanc אייגענטומער Deborah Koenigsberger (דעבורא קעניגסבערגער) האט געזאגט,** "איך קען נישט צופיל ארויסברענגען ווי דאנקבאר איך בין צו גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר פארפליכטונג צו שטיצן קליינע ביזנעסער. קליינע ביזנעס אייגענטומער קענען זיך נישט ערלויבן צו ליידן, און געוויס נישט ווידער און ווידער ווי עס איז געווארן די שטייגער. די אמענדירונגען צו פארשנעלערן די דיסקאווערי פראצעס, איך גלייב וועט אויפרייניגען די פראצעס און פארשטערקען די מעגליכקייט פון די גערעכטיגקייט סיסטעם צו מער שנעל און עפעקטיוו אפגעבן מיט שלעכטע שפילער."

**גרעיטער ניו יארק טשעמבער פון קאמערס (Chamber of Commerce) פרעזידענט און CEO Mark Jaffe (מארק דשאפע) האט געזאגט,** "אונז אפלאודירן גאווערנער Hochul's (האקול) פריוו צו טוישן די קאמפלעצירטע ניו יארק דיסקאווערי געזעצן. ווי די געזעץ שטייט היינט; צו פיל קעיסעס ווערן ארויסגעווארפן איבער לעגאלע טעכניקאלן. דיעס לאזט איבער צופיל געליטענע - אריינגערעכנט אונזער מעמבער ריטעילער - אן גערעכטיגקייט. עס איז צייט צו רעפארמירן די געזעצן און האלטן שאפליפטער פאראנטווארטליך. די גאווערנער וויל אויך פארקערצערן פרי טריייעל דיטענשען און קעיס פראצעצירונג צייטן צו געבן פאר יעדען איינעם די גערעכטיגקייט עס קומט זיך זיי. יעדער אין די טשעמבער וויל פארזיכערטע גאסן און דעס וועט זיכער העלפן באשיצן קעגן ריטעיל רויבעריי."

**ריטיעל, האולסעיל און דיפארטמענט סטאר יוניאן ( Retail, Wholesale and Department Store) פרעזידענט Stuart Appelbaum (סטווארט אפעלבאום) האט געזאגט,** "אונזער מעמבערס אין פובליקק אויסגעשטעלט צו ראלעס אין ריטעיל סטארס, סופערמארקעט און פארמעסיס איבער ניו יארק סטעיט ליידן פון ארבעט פלאץ סעקירונג און געוואלדטאטן אלץ א רעזולטאט פון ריטעיל רויבעריי. אונז גלייבן אז די באמיהונגען, צוזאמען מיט די איינפירונג פון די געדארפטע פראוויזיעס אין די Retail Worker Safety Act, וועלן העלפן צו האלטן ריטעיל ארבעטער פארזיכערט אויפן דשאב. אונז דאנקן גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר אנגייענדע פירערשאפט אין אדרעסירן די קריטישע פראבלעם פאר אונזער מעמבערס."

אלץ טייל פון איר פיסקאלע יאר 26 עקזעקעטיווע בודשעט, גאווערנער Hochul (האקול) האט פארגעשלאגן טוישונגען, וועלכע האט געקריגן בייפארטיזען שטיצע פון ערוועלט באאמטע, דיסטריקט אטערניס, יוניאנס און געליטענע אדוואקאטירונג גרופעס וועלכע וואלט אנגעהאלטן די סטעיט'ס דיסקאווערי רעפארמען וועלכע זענען אריין אין קראפט אין 2020 ווען פאזיכערן א מער גלייכע און יושרדיגע לעגאלע סיסטעם פאר ניו יארקער.

אן טוישן גארנישט פון די וויכטיגע איינצעלהייטן פון די 2019 רעפארמען, גאווערנער Hochul's (האקול) פארגעשלאגענע טוישונגען צו ניו יארק סטעיט'ס דיסקאווערי געזעץ וועט די פארזיכערן פראצעדור גלייכבארעכטיגקייט, מאכן קערצער פראצעדור צייטן, רעדוצירן די לענג פון צייט אין טורמע אין די פרי-טרייעל צייט און פארזיכערן סענסעטיווע און פערזענליכע אינפארמאציע וואס געהערן צו עדים. איינמאל

דורכגעפירט, ניו יארק וועט נאכאלץ האבן די מערסט אפענע און דורכזיכטיגע דיסקאווערי געזעצן אין די פאלק, פארלאנגענדיג פון פראקורער צו פראאקטיוו צאמנעמען גרונטליכע מאטעריאל און עס שנעל ארויסגעבן צו אינדיווידואלן באשולדיגט מיט א פארברעך.

פריער דאס יאר, גאווערנער Hochul (האקול) און די ניו יארק סטעיט אפיס פאר די פארמיידונג פון דאמעסטישע געוואלדטאטן (Office for the Prevention of Domestic Violence, OPDV) האט ארויסגעגעבן א טוץ פון באריכטן וועלכע שטרייכן אינטער די וויכטיגקייט פון פארשנעלערן ניו יארק'ס דיסקאווערי געזעצן צו באשיצן די רעכטן פון פארברעכן געליטענער. נעכטן, די גאווערנער איז געשטאנען מיט געזעץ ענפארסירונג אין די האסדאן וואלי איבערזאגענדיג ענליכע רופן פון די ניו יארק סטעיט שעריף'ס פארבאנד (New York State Sheriff's Association), די דיסטריקט אטערניס פארבאנד פון די סטעיט פון ניו יארק (District Attorneys Association of the State of New York), אזוי אויך רעליגיעזע פירער, ביזנעס גרופעס און דאמעסטישע געוואלדטאטן און געליטענע אדוואקאטן. א קורצע עקלערונג ווידיאו קען ווערן געזעהן דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן